Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 45 | Łódź, Poniedziałek 22 lutego 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, מאָנטאַג, ט״ו אדר א׳ תרצ״ב | № 45

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# דער נייער פראַנצויזישער קאַבינעט

## טאַרדיע — פּרעמיער און אויסערן-מיניסטער

פּאַריז, 21 (ספּ. טעל.) דער נייער פראַנצויזישער קאַבינעט איז פאָלגענדער:

פּרעמיער און אויסערן-מיניסטער — טאַרדיע.
אינערן-מיניסטער — מאַהיע.
פינאַנץ-מיניסטער — פלאַנ־ען.
יוסטיץ מיניסטער — רעינאָ.
קריגס-מיניסטער — פּעטרי.
בילדונגס-מיניסטער — רוסטאַן.
אַרבייטס-מיניסטער — לאַוואַל.
מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע און עפענטליכע אַרבייטען — גערגיע.
האַנדעלס-מיניסטער — דאַלען.
לאַנדווירטשאַפט-מיניסטער — שאַוואָ.

## דעם 13 מערץ קומען פאָר די פּרעזידענטן-וואַלען אין דייטשלאַנד

בערלין, 21 (ספּ. טעל.) דעם 13 מערץ ה. י. קומען פאָר די פּרעזידענטן-וואהלען אין דייטשלאַנד.

## פּ.פּ.ס.׳ישע אינטערפּעלאַציע אין סיים

### וועגען דעם קוילען-שטרייק אין דאָמבראָווער ראַיאָן

וואַרשאַ, 21 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער נאָהענטער זיצונג פון סיים וועט די פּ. פּ. ס.׳ישע פראַקציע אריינטראָגען אַן׳אינטערפּעלאַציע וועגען דעם קויהלען-שטרייק אין דאָמבראָווער ראַיאָן.

ס׳איז פאַרצונעהי, אַז די רעגירונג וועט באַלד אויפ׳ן אָרט ענטפערן אויף דער אינטערפּעלאַציע.

## אילוסטראַציע צו דער ענטוואַפנונגס-קאָנפערענץ



א ריזיגער פראַנצויזישער קריגס אעראָפּלאַן. ער קאָן טראָגען אויף זיך ניין קוילען־וואַרפערס און 2500 קילאָ אויפרייס-שטאָף

## געשטאָרבען א בעריהמטער דיריגענט

וויען, 21 (ספּ. טעל.) היינט איז בעת א פאָרשטעלונג אין דער אָפּערע געשטאָרבען פּלוצים מיט׳ן דיריגענטען-שטאָק אין האַנד דער דיריגענט ד״ר לודוויג קייזער.

## א ביר-שטרייק אין דייטשלאַנד

בערלין, 21 (ספּ. טעל.) דינסטאָג זאָל אויסברעכען א שטרייק פון אלע רעסטאָראַטאָרען אין דייטשלאַנד, בכדי ביר זאָל ביליגער ווערען.

## גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס אין קראָקע

קראָקע, 21 (טעלעפאָניש) היינט איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל אין דעם גרויסען קאָמוניסטישען פּראָצעס, אויף וועלכען עס זענען געמשפּט געוואָרען 8 פּערזאָן דער-עיקר יודען.

6 פּערזאָן זענען פאַרמשפּט געוואָרען פון 15 חדשים ביז 4 יאָהר שווערע טורמע.

# מיט אַנ׳אַרויסטריט פון דער אָפּאָזיציע

## וועט זיך דינסטאָג עפענען דער דייטשער רייכסטאַג

בערלין, 21 (ספּ. טעל.) דינסטאָג עפענט זיך דער דייטשער פּאַרלאַמענט.

באַלד אויף דער ערשטער זיצונג וועט אריינגעטראָגען ווערען א פאָרשלאַג פון דער אָפּאָזיציע אַראָפּצוּוואַרפען די רעגירונג און פונאַנדערלאָזען דעם רייכסטאַג.

# פּרענטש-בעריכט דורך פּרענטש גופא גרינדליך רעווידירט געוואָרן

לאָנדאָן, 21 (יטא טעלעגראַפיש) „דזשואיש קראָניקעל״ מעלדעט, אַז דער פּרענטש בעריכט איז דורך פּרענטש׳ן אַליין גריגדליך רעווידירט געוואָרען; 15 זייטען פון בעריכט זענען דורך איהם קאָרעגירט, און אָנגעשריבען געוואָרען אין א נייער רעדאַקציע.

די ענדערונגען זענען נוגע דער יודישער איינוואַנדערונג און יודישען ערד-איינקויף אין ארץ-ישראל.

ווי מ׳רעכענט, זענען די ענדערונגען געקומען, אונטער׳ן דרוק פון די אינטערווענצען, וואָס זענען אדורכגעפיהרט געוואָרען דורך די יודישע טוער, און בעזונדערס דורך אוסישקינען.

פיל געהאָלפען צו די ענדערונגען, האָט אויך דאָס, וואָס דער הויך-קאָמיסאַר וואוקאָפּ, האָט אין די דערמאָנטע פראַגען אַנ׳אַנדערער מיינונג ווי פּרענטש.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד
ה׳ ד״ר. י. רעדלוס
מיט פרל. נינא פעטער
ווינשען מיר מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
ישראל און דאַנקאַ ראָזענבערג.

## נייער אַפגאַניסטאַנישער געזאַנדטער אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 21 (טעלעפאָניש) דאָ איז אָנגעקומען פון פּאַריז דער נייער אַפגאַניסטאַנישער געזאַנדטער פאַר פּוילען שאַך-וואַלי.

## א 140-ער דעקער

### צו אַמעריקאַנער זאַקען-מאַשין ווערט געזוכט צו קויפען.

אָפערטען אָפּצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג פאַר „140״.

„לעבת הצדק״, לאָדז, ציגעל-גאַס 17.
פיזיקאַליש טעראַפּישער קאַבינעט
איז טעטיג טעגליך פון 11–1 מיטאָג און פון 4 ביז 6 אָווענד געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר ספּעציאַליסט.
קוואַרץ-לאַמפּ, דיאַטערמיע, סאָלוקס, עלעקטרישע בעדער.
237

אונזער ווערטען פריינד
ה׳ הילארי שטראַהוויס
צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאָטער
אהרן נ״ע
דריקען מיר אויס אונזער אינניגסטען מיטגעפיהל.
דוד זילבערבערג,
בנימין זילבערבערג,
פּינקוס וויינטרויב.
הערמאַן גראָסמאַן.

ברית הציונים הרביזיונים בלודז
אל. קאָשטשושקי 21 זאַל „הזמיר״ אל. קאָשטשושקי 21
היינט, מאָנטאַג, דעם 22 פעברואַר, 8.30 אָווענד וועט האַלטען
ד״ר וואָלפגאַנג פאָן ווייזעל
מיטגליד פון ציוניסטישען אקציאָנס-קאָמיטעט א רעפעראַט א. ד. ט.
„אראבישע מלוכה צו א יודיש ארץ-ישראל״
בילעטען ביים איינגאַנג. 1136 בילעטען ביים איינגאַנג

דעם טיפסטען ביילייד דריק איך אויס מיין פריינד ה׳
הילארי שטראַהוויס
צוליבן טויט פון זיין אונפערגעסליכען ליבען פאָטער
אהרן נ״ע
סאַלעק גרינבערג.

